


פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of The Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

פרשת בהר–בחוקתי, כ"ג אייר תשס"ז
גליון 3, מספר 25




# פרשת בהר–בחוקתי

אין היינטיקער סדרה שטייט "אם בחוקותי תלכו ואת מצותי תשמרו ועשיתם אותם", אויב אידן וועלן לערנען תורה און היטן אירע מצוות, זאגט דער אויבערשטער אז "ונתתי"– ער וועט געבן די אלע ברכות און די זאכן און וועלכע מען נויטיקט זיך, אנהויבנדיק פון "גשמיכם בעתם", גשמי ברכה, ביז "ואולך אתכם קוממיות" - ער וועט אונז ארויספירן פון גלות "בקומה זקופה", מיט אן אויפגעהויבענעם קאפ.

פון דעם איז פארשטאנדיק, אז שוין איצטער, נאך זייענדיק אין די לעצטע טעג פון גלות, גייט א איד ארום "בקומה זקופה", מיט אן אויפגעהויבענעם קאפ.

ווייל ער ווייס אז "והייתי לכם לאלקים ואתם תהיו לי לעם" - דער אויבערשטער זאגט אז ער איז אונזער "קאמענדער– אין - טשיף" און מיר זיינען זיין פאלק, דורך דעם וואס מ'פירט זיך אויף ווי ס'פאסט פאר איינעם וואס געהערט צו דעם אויבערשטנ'ס פאלק, ובפרט אז מ'געהערט צו "צבאות השם".

ובמילא פארשטייט זיך אז מען לערנט תורה און מ'איז מקיים אירע מצוות נאך אין זמן הגלות מיט א "קומה זקופה", ווייסנדיק אז קיינער איז אויף א אידן ניט קיין בעל הבית. ווייל זיין אנפירער, זיין "קאמענדער– אין - טשיף", דער מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, געפינט זיך מיט אים צוזאמען אין גלות, און ווארט און בעט זיך בא יעדערן - סיי קינדער, סיי ערוואקסענע - אז מ'זאל צוגעבן אין "אם בחוקותי תלכו ואת מצותי תשמרו",

און אין אן אופן ווי ס'פאסט פאר איינעם וואס געפינט זיך אין "צבאות השם", וואס א סאלדאט פירט זיך אין אן אופן פון נעשה קודם לנשמע: צום אלעם ערשטן איז ער מקיים די אנווייזונגען און די פקודות וואס ער באקומט פון זיין "קאמענדער– אין - טשיף".

*(פון דער רבי רעדט צו קינדער - ל"ג בעומר תשמ"ב)*

טייערע קינדער שלוחים,

שטעל זיך פאר אז דיין טאטע האט דיר געגעבן טאן עפעס א שווערע זאך. זיכער וועלט ער דיר געהאלפן.

אין חודש אייר– די טעג פון ספירה, ארבעטן מיר אויף אונזערע מדות, און דער אויבערשטער העלפט אונז 13. ווען די אידן זיינען ארויס פון מצרים, זיינען זיי נאך ניט געווען גרייט צו מקבל זיין די תורה. זיי האבן געדארפט אסאך ארבעטן אויף זיך אנגרייטן זיך פארן הייליקן טאג. דערפאר האט זיי דער אויבערשטער געגעבן 49 טעג פאר קבלת התורה. דאס זעלבע זאך טוען מיר איצטער אין די ספירה טעג, מיר ארבעטן אויף אונזערע מדות.

אין די צייט וואס מיר פאריכטן זיך, העלפט אונז דער אויבערשטער דערמיט. די ווארט אייר איז ראשי תיבות פון ווארט

אני י, און א צווייטער י – ה' ר ופאך.

אין די זעלבע צייט וואס מיר היילן אונזער נשמה, היילט אונז דער אויבערשטער. מיר ווארטן אויף די צייט ווען דער אויבערשטער וועט אינגאנצן אויסהיילן אלע אידן מיט די גאולה האמיתית והשלימה! –א. וועכטער




## פרקי אבות – פרק חמישי

די גמרא דערציילט אונז אז עס זיינען פאראן צען מאמרות מיט וואס דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט. מען זעט אבער נאר ניין מאל וואס עס שטייט די ווארט "ויאמר" ביי מעשה בראשית, וואס איז דער צענטער מאמר? ענטפערט מען אז די ווארט "בראשית" איז אויך איינע פון די מאמרים.

וואס זעט מען אין די ווארט "בראשית" וואס באווייזט אונז אז דער אויבערשטער האט באשאפן די הימל און ערד?

אויפן ערשטן טאג, ווען דער אויבערשטער האט באשאפן די הימל און ערד, האט ער אריינגעלייגט אין זייער באשאפונג אלץ וואס איז באשאפן געווארן אין די איבעריגע טעג. דערנאך האט דער אויבערשטער יעדן טאג אנגעזאגט יעדער זאך באזונדער אז זיי זאלן גיין אין זייער פלאץ און אנהויבן ארבעטן.

ווען א קעניג וויל אנזאגן עפעס, דארף ער נאר זאגן איין ווארט און זיינע מענטשן פארשטיין וואס צו טאן. פונקט אזוי האט דער אויבערשטער נאר געזאגט דער ווארט "בראשית" - אז עס זאל זיין אן אנהויב צו די וועלט וואס ער האט געוואלט בויען, און אלץ האט זיך אנגעהויבן.



לויט די גמרא מיינט דער פסוק, "בראשית", מיט די ווארט "ראשית" האט דער אויבערשטער באשאפן די הימל און ערד!

לעילוי נשמת
אאמו״ר הרה״ח התמים ר׳ דובער
בן הרה״ח ר׳ נפתלי שו״ב ע״ה יוניק
זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים
נפטר ביום הרביעי, ט׳ אייר תשס״ה

נדבת בנו ר׳ דוד שי׳ יוניק ומשפחתו




## שבת מברכים חודש סיון

- ☐ איך האב געזאגט תהילים אינדערפרי (געדענק צו זאגן די מאס תהילים פאר די תהילים קלאב)
- ☐ איך בין געגאנגן אין שול, און איך האב געבענטשט דעם נייען חודש.

## ראש חודש סיון

פרייטאג - א׳ סיון

- ☐ איך האב געזאגט יעלה ויבא אין שמונה עשרה און אין בענטשן
- ☐ איך האב געזאגט הלל נאך שמונה עשרה
- ☐ איך האב געדאווענט מוסף
- ☐ איך האב געזאגט ברכי נפשי נאך שיר של יום
- ☐ מיידלאך – איך האב ניט גענייט אדער געוואשן קליידער




די פרשה דערציילט אונז וואס טרעפט זיך צו א איד וואס איז געווארן זייער ארים און האט זיך פארקויפט אלס א קנעכט צו א גוי. די משפחה פון דעם אידן האט א מצוה אים אויסצולייזן פון זיין עבדות.

די תורה דריקט אויס דוקא זיין קוזינע –בן - דדו– וואס האט די ספעציעלע אחראיות אים צו ראטעווען.

דאס איז א רמז צו אידן אין גלות. מיר זיינען ווי ארימע מענטשן וואס זיינען פארקויפט געווארן צו די גוישע פעלקער: ווער וועט אונז אויסלייזן?

מיר וועלן אויסגעלייזט ווערן דורך משיח, וואס ער איז אזוי ווי דער קוזינע. מיר זען א רמז צו דעם אין די ווארט "בן - דדו". דער ווארט בן דדו איז נאר געשריבן געווארן מיט איין "ו" און האט די זעלבע אותיות פון "בן דוד" – משיח בן דוד!

# דערציילט מיר א מעשה

ר׳ לייב שרה׳ס איז געווען א גרויסע צדיק און ער האט זיך קיינמאל ניט אפגערוהט. ווי אזוי האט ער געקענט רוען ווען אזוי פיל אידן האבן געדארפט זיין הילף? ניט די מורא׳דיקע היץ אדער די פארפרויענעם קעלט האט אים אפגעשטעלט פון זיין ארבעט צו קלייבן געלט פאר באהאלטענע צדיקים און פאר די גרויסע מצוה פון פדיון שבויים.

ר׳ לייב שרה׳ס האט געקענט אסאך רייכע אידן וואס האבן אים געהאלפן אין זיין הייליקע ארבעט.

איינמאל, ווען ער איז געווען אויפן וועג, האט ער געטראפן א איד וואס האט געמאכט זיין פרנסה פון קויפן און פארקויפן בשמים.

״יונגערמאן, איך וויל אייך בעטן מיר בארגן 500 רובל״, האט ר׳ לייב שרה׳ס געזאגט. דער צדיק איז באוואוסט געווארן, און דער יונגערמאן האט ניט געווארט א מינוט, נאר ער האט גלייך ארויסגענומען די געלט וואס ער האט ביי זיך געהאט אין קעשענע, און האט דאס געגעבן צו ר׳ לייב שרה׳ס.

ר׳ לייב שרה׳ס האט געהייסן דער מענטש אז ער זאל פארקויפן וואס איז ביי אים געבליבן און האט אים געבענטשט אז ער זאל מצליח זיין.

דער יונגערמאן האט שוין ניט געהאט קיין געלט, און האט ניט געהאט וואס צו טאן אין שטאט, איז ער אהיים געפארן.

דער איד איז צוריקגעגאנגען צו זיין קראם און האט געווארט אויף דער טאג ווען ער וועט באקומען צוריק זיין געלט.

סוף סוף איז געקומען דער טאג, און דער יונגערמאן איז געשטאנען אין זיין קראם. א מענטש איז אריינגעקומען, און האט געקויפט בשמים. ער האט באצאלט פאר די סחורה און איז ארויס פון קראם. גלייך ווי ער איז ארויסגעגאנגען, האט דער איד באמערקט אז דער מענטש האט געלאזט זיין רענצל אין קראם.

דער איד איז ארויסגעלאפן צו געפונען דער מענטש, אבער דער מענטש איז אינגאנצן פארשוואונדען געווארן.

״מסתמא וועל איך אים טרעפן ביי מעריב.״ האט ער געטראכט, און ער האט מיטגענומען מיט זיך די רענצל אין שול. ווען ער איז אנגעקומען אין שול, האט ער ניט געזען דער מענטש.

דער איד האט ערשט געענדיקט זיין דאווענען, ווען ער האט געהערט א באקאנטע שטימע.

״האסטו באקומען דיין געלט?״ ער האט ארויפגעקוקט און האט געזען ר׳ לייב שרה׳ס.

״ניין, איך האב עס נאך ניט באקומען, אבער זארג זיך ניט, איך פארשטיי אז איר וועט דאס צוריקגעבן ווען איר וועט קענען,״ האט דער איד געענטפערט. ר׳ לייב שרה׳ס האט אויסגעזען זייער אנטוישט אז ער האט נאך ניט באקומען די געלט, אבער ער האט גאר ניט געזאגט. ווען דער מענטש איז אהיים געגאנגען, האט ער געעפנט דעם רענצל וואס איז איבערגעלאזט געווארן אין זיין קראם, און ער האט געזען אז עס האט געהאט אינעווייניג פונקט די געלט וואס ר׳ לייב שרה׳ס איז געווען שולדיק צו אים.

ער איז צוריקגעלאפן צו ר׳ לייב שרה׳ס און האט אים געדאנקט.

ר׳ לייב שרה׳ס איז געווען זייער צופרידן פון דער יונגערמאן וואס האט אזוי שנעל געבארגט פאר אים די געלט און האט ניט געבעטן צוריק, האט ער אים געוואלט געבן א ספעציעלע מתנה.

״יונגערמאן, דו קענסט פון מיר בעטן וואס דו ווילסט, און אויב איך וועל קענען, וועל איך דאס פאר דיר געבן.״

דער יונגערמאן האט ניט געדארפט טראכטן, ״ איך וויל זען איינע פון די ל״ו צדיקים.״

״דאס איז ניט א גרינגע בקשה,״ האט ר׳ לייב שרה׳ס געזאגט, ״אבער איך וועל דיר דאס געבן.״

די צופרידענקייט פון דער יונגערמאן איז געווען אן א גבול. ער וועט קענען זען איינע פון די ל״ו צדיקים!

ר׳ לייב שרה׳ס האט אים געזאגט וואו צו גיין, און ער איז גלייך געווען אויף זיין וועג.

די לאנגע נסיעה איז געווען ווי גארניט פאר אים, און ווען ער איז אנגעקומען אין די קליינע שטאט, האט ער ניט געקענט איינהאלטן זיין שמחה.

די ווערטער פון ר׳ לייב שרה׳ס האבן געקלונגען אין זיין אוירן, ״גיי צו דער גאס און גיי אריין אין דריטן הויז. דארטן אויפן פאל וועסטו זען א מענטש וואס האלט א נאדל מיט פאדעם. בעט אים צו פארריכטן דיינע מאנטל. דערווייל וואס ער ארבעט קענסטו קוקן אויף זיין הייליגע פנים. ער איז איינע פון די ל״ו צדיקים.״

דער איד האט געפונען דער שטוב, ער האט געקלאפט אויפן טיר, און מען האט פאר אים גלייך געעפנט. דארטן אויפן פאל איז געזעצן אן עלטערע מענטשן וואס האט געהאלטן אין האנט א פאדעם און נאדעל.

״קענסטו נייען מיין מאנטל?״ האט דער איד געפרעגט.

דער צדיק האט גענומען דער מאנטל אין זיינע הענט, און האט גענייט דעם מאנטל. דערווייל וואס ער האט געארבעט, האט דער איד אריינגענומען זיינע הייליקע געשטאלט.

ווען ער האט געענדיקט, האט ער אים באצאלט א גאנצע רובל און איז ארויסגעגאנגען. ער איז צוריקגעקומען צו ר׳ לייב שרה׳ס ווי אן אנדערע מענטש.

די איינדרוק פון די הייליקייט וואס ער האט געזען איז געווען די בעסטע מתנה וואס ער האט געקענט באקומען, און עס איז מיט אים געבליבן זיין גאנץ לעבן!

# TEST YOUR KNOWLEDGE

# פרשת בהר-בחוקתי

Kids! Fill out the answers to the puzzle below, and fax it to the Shluchim Office at (718) 221- 0985 or e-mail it to connections@shluchim.org by Wednesday

שרייב אריין די ריכטיקע ווארט. קלייב אויס פון יובל, שמיטה, און שבת קודש.

| | |
|---|---|
| *שבת פאר די לאנד | ____________ |
| *מען קלייבט ניט די טרויבן פון וויינגארטן | ____________ |
| *מען מאכט קידוש | ____________ |
| *די בהמות קענען אויך ניט ארבעטן | ____________ |
| *יעדער זיביטע שמיטה | ____________ |
| *די לאנד גייט צוריק צו די ערשטע בעל הבית | ____________ |
| *מען היט דאס ווייל דער אויבערשטער האט גערוהט נאכדעם ווי ער האט באשאפן די וועלט | ____________ |
| *מען בלאזט שופר איידער עס הויבט זיך אן | ____________ |
| *אלע קנעכט זיינען פריי | ____________ |

## הצלחה רבה

נאמען:____________ ווי אלט:______

אדרעס:____________

אימייל:____________